7 פֿאַר די געסט און איז הורדוסן וואוילגעפֿעלן· דערפֿאַר
האָט ער צוגעזאָגט מיט אַ שבֿועה, איר צו געבן,
8 וואָס זי וועט פֿאַרלאַנגען· און ווייל זי איז געווען
פֿון פֿריער אָנגערעדט פֿון איר מוטער, האָט זי
געזאָגט: גיב מיר דאָ אויף אַ טעלער יוחנן המטבילס
9 קאָפּ· און דער קעניג איז טרויעריק געוואָרן; נאָר
צוליב די שבֿועות און די געסט, האָט ער באַפֿוילן
10 עס זאָל געגעבן ווערן· און ער האָט געשיקט, און
11 געלאָזט יוחנן אָפּהאַקן דעם קאָפּ אין תּפֿיסה· און
זיין קאָפּ איז געבראַכט געוואָרן אויף אַ טעלער,
און געגעבן געוואָרן דעם מיידל, און זי האָט אים
12 געבראַכט צו איר מוטער· און זיינע תּלמידים
זענען געקומען, און האָבן גענומען דעם גוף, און
אים קובר געווען; און זענען געגאַנגען און האָבן
עס דערציילט ישוען·
13 און ווי ישוע האָט דאָס געהערט, איז ער פֿון
דאָרטן אַוועק אין אַ שיפֿל, אויף אַ מדבריותדיק
אָרט איינער אַליין· און ווען די המונים מענטשן
האָבן עס געהערט, האָבן זיי אים נאָכגעפֿאָלגט צופֿוס
14 פֿון די שטעט· און ער איז אַרויסגעקומען, און
האָט געזען אַ גרויסן המון מענטשן, און זיך
דערבאַרעמט אויף זיי און געהיילט זייערע קראַנקע·
15 און אַקעגן אָוונט זענען די תּלמידים געקומען צו
אים, און האָבן געזאָגט; דאָס איז אַ וויסט אָרט,
און די שעה איז שוין פֿאַרביי; לאָז דעריבער אָפּ די
מאַסן מענטשן, כּדי זיי זאָלן גיין אין די דערפֿער
16 אַריין, און זיך קויפֿן שפּייז· ישוע אָבער האָט צו
זיי געזאָגט: זיי האָבן נישט נייטיק אַוועקצוגיין;
17 גיט איר זיי צו עסן! זאָגן זיי צו אים: מיר האָבן
דאָ גאָרנישט אַ חוץ פֿינף לעבעלעך ברויט, און צוויי
18 פֿיש· און ער האָט געזאָגט: ברענגט זיי אַהער צו